# דער סוד פון לעבען

(פראגמענט)

אויס מיין טאג־בוך.

...די גאנצע מענשהייט איז בעהעפט אין איין פינסטערן וועלט־טהייל, איבער וועלכען עס העננט א סאמעט בלאָהער הי־מעל, און א טוידטע שטילקייט הערשט איוף גאָט'ס וועלטעל.

מיט א מאָל ווער „איך" ווי פון א געהיימער האנד, ארויס־געריסען פון אָט דער מיליאנען-קעפיגער מאסע און מיט דער קראפט פון אונזעהבארע פליגלען, פליה איך אלץ העכער און העכער ארויף, און וועהרענד מיין שטייגען, צינדען זיך אלץ אן, טויזענטער און טייזענטער אונצעהליגע הימלישע ליכטער, ביז ווען איך האָב ענדליך דערגרייכט דעם שפיץ פון א הויכען ריעזיגען בארג וועלכער האָט מיט זיין הויכקייט כמעט ווי בעריהרט דעם הימעלס הארץ, האָט זיך דער גאנצער הימעל מיט דער שנעלקייט פון א בליץ, אָנגעצונדען אין איין גלוטיג רויטען פייער, און ווען כ'האָב זיך ענדליך אויפ'ן שפיץ פון דיעזען ריעזיגען הויכען בארג אבגעשטעלט, האָט אן אונבעקאנטע שטימע, מיט א פייער־שפייענדען קול — וועלכער האָט אויפגעשוידערט דעם גאנצען הימעל־געוועלב דורך דאָס קראכען פון א דונער, מיט פייער אויסגערופען;

דאָס איז ער! דאָס איז ער!
דער ענטפלעקער פון „אמת"
נאָך וועלכען איהר גארט שוין —
יאהר־טויזענדער לאנג;
פאלט ניעדער פאר דיעזען —
ערהאבענעם זעהער,
און לאָז ער ענטפלעקען
פאר אייך דיעזען סוד!...

— ס'האָט לאנג ניט גענומען און די גרויסע, גרויסע מענשען־מאסע איז אויף די קניה ווי איין מענש געפאלען, און עס האָט זיך געדאכט אז הימעל און ערד, און אלעס וואָס נאָר אויף דער וועלט, די גאנצע נאטור! איז פעראייניגט געוואָרען אין איין טויט־לעבעדיג אטעמלאָז שטומען הייליגען געגענשטאנד, וועלכער האָט מיט דער געהאָרכזאמקייט פון א אויסערגעוועהנליך שטיל קינד אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צו דער רעגענדער שטימע פון